בס"ד. שיחת ש"פ נצבים, כ"ח אלול, תשכ"ה.



א. אויף "אתם נצבים היום"

- וואס דאס איז די התחלה פון דער סדרה וועלכע מען לייענט היינטיקן שבת, דעם שבת וואס פאר ר"ה, ווי דער אלטער רבי זאגט אין לקו"ת, אז פרשת נצבים לייענט מען אלע מאל פאר ר"ה. וואס "היום" גייט עס אויף ר"ה, און נאך בשבת שקודם ר"ה - וואס פון שבת איז דאך מיני' מתברכין כולהו יומין ור"ה בכללם - איז שוין אתם נצבים גו' לפני הוי' -

שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער אתם נצבים היום (בכמה דפוסים שטייט בלויז די ווערטער אתם נצבים. אבער בכמה דפוסים און אויך בכתבי יד שטייט אויך דער ווארט היום) און ער איז מפרש "מלמד שכינסם משה לפני הקב"ה ביום מותו להכניסם בברית", אז דאס וואס משה האט צוזאמענגעקליבן די אידן איז עס געווען בכדי "להכניסם בברית".

וואס ווי מען לערנט אין פשטות, איז אע"פ אז עס איז דאך שוין ווייטער בפירוש אין פסוק "לעברך בברית", איז רש"י'ס אויפטו אבער אז דער "אתם נצבים היום" איז צוליב דעם "לעברך בברית".

ב. ס'איז דאך פותחין בכבוד אכסניא תחילה. אז מען דארף ריידן בכבוד אכסניא און נאך מערער - אז אין דעם דארף זיין די פתיחה. וואס מצד דעם, איז אע"פ אז דער סדר בשבתות השנה איז אז מען הייבט אן מיט אן ענין פון פירוש רש"י אויף די סדרה, איז דאך אבער אויך אין דעם גופא, קען עס דאך זיין בכמה אופנים, קען מען דאך פארבינדן דעם ביאור אין פירוש רש"י מיט כבוד אכסניא,

בכבודם פון די וואס האבן מכתת געווען את רגלם אויף קומען ממקומות הרחוקים בגשם (אבער קרובים ברוח), וואס צוליב דעם איז ביי זיי געווען טלטול הדרך וואס דאס איז דאך א דבר קשה ביותר, ובפרט נאך אז דער טלטול איז פארבונדן מיט הוצאות, סיי מיט הוצאות הזמן, סיי מיט הוצאות כפשוטו, סיי מיט הוצאות פון טרחת הגוף.

וואס אע"פ אז צווישן זיי זיינען פאראן בעלי מסירת נפש, וואס די עבודה פון מס"נ דערלאנגט אין "לפני הוי'", העכער פון השתלשלות. וואס כשם ווי בנפש האדם, איז מס"נ איז דאך העכער פון סדר והשתל' שבאדם, במילא איז אויך למעלה דערלאנגט עס אין העכער פון השתל', לפני הוי'.

היינט וויבאלד אז זיי דערלאנגען אין למעלה מהשתל', וואס דארטן איז דאך ניטא קיין הגבלות המקום, איז לכאורה צוליב וואס האבן זיי געדארפט לכתת רגליהם כו', וויבאלד ס'איז דאך סייווי ניטא די הגבלות פון מקום, איז אבער אעפ"כ, אז מען דארף אראפטראגן פון ראשיכם שבטיכם ביז אין חוטב עציך און שואב מימיך, דארף מען דאך האבן אז פון דעם "לפני הוי'" זאל אראפקומען אויך למטה ובגילוי, במילא דארף מען עס דאך אראפטראגן אויך אין מקום.

איז דער תכלית פון דעם וואס זיי האבן מכתת געווען את רגליהם כו' אויף צונויפ-קלייבן זיך אלע צוזאמען כו', איז מרומז אויך בפירוש רש"י פון היינטיקע סדרה, וואס ער איז מבאר דעם תכלית פון דעם וואס "כינסם".

ג. דער אלטער רבי זאגט אין תניא, בשעת עס קלייבן זיך צוזאמען צען אידן, איז אפילו ווען אינם מדברים בדברי תורה, איז פאראן אזא השראת השכינה, ביז אז אויב עס וואלט זיך דארט געפונען א מלאך, הי' מתבטל ממציאותו לגמרי.

(און ווי גערעדט שוין אמאל אין די מעלה פון עשרה מישראל, אז עשרה מישראל זיינען כולל גאנץ כלל ישראל. וואס דערפאר איז צען אידן איז שוין דער גרעסטער פרהסיא).

ווי מען לערנט אין פשטות, איז דאס עשרה מישראל ווערן ניט נתבטל ממציאותם,

איז עס מצד דעם וואס וויבאלד זיי זיינען נשמות בגופים זיינען זיי ניט מרגיש די השראה.

לפי"ז איז אבער שווער: צדיקים, ובפרט נשיאים, האבן דאך זיכער יע מרגיש געווען די השראת השכינה, היינט פארוואס זיינען זיי ניט נתבטל געווארן ממציאותם? מוז מען זאגן, אז ביי זיי איז דא א העכערע מעלה ווי ביי מלאכים, וואס מצד די מעלה קענען זיי סובל זיין דעם אור. און ניט נתבטל ווערן ממציאותם.

ועי"ד הידוע בענין משה רבינו, אז אע"פ אז נבואת משה איז געווען א העכערער גילוי ווי נבואת שארי הנביאים, וכמרז"ל אז נבואת משה איז געווען באספקלריא המאירה, און אעפ"כ איז עמד על עמדו בעת הנבואה , ניט ווי שארי הנביאים, וואס אעפ"י אז ביי זיי איז געווען א קלענערער גילוי ווי נבואת משה, און אעפ"כ, איז אפילו דעם גילוי האבן זיי אויך ניט געקענט סובל זיין כו'.

וואס עד"ז איז אויך בנוגע דעם חילוק וואס צווישן דעם אלטן רבי'ן ביז די אנדערע תלמידי המגיד, אז ביי די אנדערע תלמידים איז געווען התפעלות וכו' מצד דעם האבן זיי ניט געקענט צו נעמען די תורה של המגיד, משא"כ ביי דעם אלטן רבי'ן, איז נאך זייענדיג א תלמיד ביים מגיד, כאטש ס'איז נאך געווען קודם נשיאותו, האט ער שוין געהאט דעם כח אויף מקבל זיין די תורה כו'.

ואע"פ אז וואס איז שייך צו פארגלייכן זיך ח"ו צום אלטן רבי'ן, ובלשון רבינו הזקן - "מי הוא זה ואיזהו אשר ערב לבו לגשת להשיג אפילו חלק אחד מני אלף כו'", ובפרט נאך ווי דער צ"צ שרייבט אין א תשובה אין נגלה אויף זיך לגבי דעם אלטן רבי'ן אז דאס איז אזוי ווי חולין לגבי קדשי קדשים. וואס דאס האט געשריבן דער צ"צ אויף זיך, וואס דער צ"צ איז שוין דאן געווען לאחרי נשיאותו. היינט מכ"ש בשעת עס רעדט זיך וועגן די וואס זיינען בלויז הולכים בעקבותיו של הצ"צ,

אעפ"כ, איז אזוי ווי דער אלטער רבי זאגט בנוגע משה רבינו, אז וויבאלד אז ער איז רעיא מהימנא איז אפס קצהו ושמץ מנהו מרב טובו ואורו מאיר לכללות ישראל, אזוי איז אויך בנוגע דעם אלטן רבי'ן, אז וויבאלד ער איז געווען א רועה נאמן, איז זיכער אז אפס קצהו ושמץ מנהו האט ער אריינגעגעבן פון זיינע ענינים צו יעדער איינעם פון צאן מרעיתו.

וואס מכ"ז איז מובן דער גודל המעלה פון כינוס, ווען עס קלייבן זיך צוזאמען צען אידן, אז דא איז דא אזא השראת השכינה וואס א מלאך הי' מתבטל ממציאותו לגמרי, און אעפ"כ איז אידן קענען עס נעמען, ניט מצד דעם העלם וואס זיי זיינען ניט מרגיש דעם אור, נאר אפילו נאך דעם וואס נתן הוי' לכם לב לדעת ועיניים לראות ואזנים לשמוע, האבן זיי דעם כח אויף אריין נעמען אין זיך דעם אור.

ד. לאחרי די מעלה וואס איז דא אין א כינוס פון עשרה מישראל, זאגט רש"י אז נאך ניט אין דעם באשטייט דער תכלית. נאר דער תכלית פון דעם כינוס איז געווען אויף "להכניסם בברית".

ניט קוקנדיק אויף גודל המעלה פון השראת השכינה וואס איז דא במעמד עשרה מישראל, אפילו כשאינם מדברים בדברי תורה. עאכו"כ, ווען זיי זיינען יע מדברים בדברי תורה,

וואס ביי דעם כינוס שהכניסם משה איז דאך געווען א ענין וואס מדברים בדברי תורה, וואס דאס איז דאך דער ענין פון "ויקרא משה אל כל ישראל", אז דער כינוס פון די אידן איז געווען פארבונדן מיט משה'ן וואס ענינו איז תורה,

- וואס עד"ז איז אויך בנוגע דעם כינוס וואס מען האט אנגעהויבן צוריידן בנוגע כבוד אכסניא, וואס נוסף אויף מעלת הכינוס פון אידן בכלל, איז דאך דאס פארבונדן אויך מיט תורה, וואס מען קלייבט זיך דאך צוזאמען אויף הערן דברי תורה. ובפרט נאך ווי מען האט איינגעפירט בשנים האחרונות, אז ס'איז דא שיעורי לימוד

בכל יום פיז אין נגלה סיי אין די הלכות וענינים השייכים לימים אלו -

און נוסף אויף דעם וואס די אלע גילויים - סיי די השראת השכינה שמצד הכינוס בכלל, און סיי דער גילוי אור הניתוסף מצד לימוד התורה - קען מען זיי דערהערן, ווילע נתן הוי' לכם לב לדעת ועיניים לראות ואזניים לשמוע, וואס לשמוע מיינט ניט בלויז הערן נאך אויך "דערהערן",

וואס דאס איז דאך נתגלה געווארן בעיקר דורך תורת חב"ד, וואס דאס זיינען דאך די דריי ענינים שבהכתוב: לב לדעת - דעת, ועיניים לראות - חכמה, כמאמר איזהו חכם הרואה. ואזנים לשמוע - בינה, כידוע אזשמיעה איז מלשון הבנה,

איז אחרי כל זה, איז נאך ניט אין דעם באשטייט דער תכלית, נאר דער תכלית פון דעם כינוס איז "להכניסם בברית", פארבינדן זיך מיטן אויבערשטן אליין, לפני הוי', וואס דאס איז נאך העכער ווי די התקשרות וואס דורך תורה.

וכידוע בענין תלת קשרין מתקשרין דא בדא ישראל באורייתא ואורייתא בקוב"ה. פרעגט מען די קשיא: וויבאלד ס'איז בלויז תלת דרגין, ישראל אורייתא און קוב"ה, איז דאך פאראן בלויז צוויי קשרים, וואס מיינט תלת קשרין?

איז איינער פון די ביאורים וואס אין דעם, אז נוסף אויף די צוויי קשרים -ישראל באורייתא ואורייתא בקוב"ה - איז פאראן א דריטער קשר, ישראל וקוב"ה, וואס אידן פארבינדן זיך מיטן אויבערשטן שלא ע"י התורה.

פריער דארף טאקע זיין די התקשרות שע"י התורה, וואס דאס מיינט ישראל באורייתא ואורייתא בקוב"ה, שאורייתא היא המקשרת ישראל להקב"ה. אבער דערנאך טוט זיך אויף א העכערער ענין, ישראל בקוב"ה, וואס אין דער דרגא דארפן אידן ניט מקבל זיין פון תורה, ואדרבה, אידן זיינען גאר משפיע אין תורה. וכמבואר בלקו"ת בכ"מ בענין דוד היה מחבר תורה שלמעלה בהקב"ה, וואס עד"ז איז פאראן בכל אחד דער ענין פון לימוד התורה לשמה, לשם התורה, אז ע"י לימודו איז ער משפיע אין תורה.

וואס דאס איז אויך די שייכות פון "אתם נצבים היום גו' לעברך בברית" צו ר"ה, ווילע ר"ה איז דאך דער "יבחר לנו את נחלתנו גו'", די בחירה פון עצמות אין אידן, וואס דאס איז דאך א בחירה שלמעלה מהתורה, כידוע ומבואר בכ"מ.

איז יהי רצון אז די אלע וואס זיינען געקומען אהער זאלן "נעמען" די אלע ענינים וואס טוען זיך אויף דורך כינוס, ביז צום תכלית שבזה - "לעברך בברית", און זיי זאלן עס נעמען אין א פנימיות, און זיי זאלן עס מיטנעמען מיט זיך על כל השנה כולה, וואס דאס וועט אויך ממשיך זיין זיי א שנה טובה ומתוקה בכל המצטרך להם, בבני חיי ומזוני רויחי.

ה. כאמור לעיל, אז רש"י'ס אופטו בפירושו אויף אתם נצבים היום, איז אז דאס וואס כינסם משה לפני הקב"ה ביום מותו איז געווען בכדי "להכניסם בברית".

איז אין דעם ניט מובן:

א) וואס איז רש"י'ס אופטו אין דעם, לכאורה, איז עס דאך מובן מעצמו: אז ער זאגט פריער (אין סיום פון די פריערדיקע סדרה, וואס דער אתם נצבים היום קומט דאך בהמשך צו סיום סדרה הקודמת) "ויקרא משה אל כל ישראל", וואס דאס מיינט אז משה האט צוזאמענגעקליבן אלע אידן, און דערנאך זאגט ער (בפרשתנו) לעברך בברית, הייסט דאך דאס, אז דאס וואס משה האט זיי צוזאמענגעקליבן איז עס געווען אויף "לעברך בברית", היינט וויבאלד ס'איז מובן מעצמו, דארף עס דאך רש"י ניט זאגן?

רש"י זאגט בלויז אזוינע ענינים וואס אן פירוש רש"י וואלט מען ניט געוואוסט דעם פשט, אבער אזוינע ענינים וועלכע זיינען מובן מעצמם, דארף דאך זיי רש"י ניט זאגן? און נאך מערער: רש"י זאגט אויף דערויף דעם לשון "מלמד", אז דאס וואס "כינסם



הנחה פרטית בלתי מוגה

משה כו׳ להכנסם בברית", דארף מען האבן אויף דעם א לימוד מיוחד. ולכאורה, וואס דארף מען האבן דא א לימוד, דאס איז דאך דער פשוטער פשט?

ב) פון רש"י׳ס לשון "מלמד שכינסם משה" איז מובן אז דער לימוד איז בלויז בנוגע אונז, אז מיר זאלן וויסן דערפון. ס׳איז ניט ווי אין אנדערע ערטער, וואו עס שטייט "מגיד" צי "מלמד", אז די ווערטער פון וועלכע מען לערנט אפ דעם לימוד גיבן צו בנוגע דעם ענין עצמו, ד.ה. אז אן די ווערטער וואלט מען ניט געוואוסט דעם ענין אויך דאן, משה וישראל שבדור ההוא. משא"כ דא, אז רש"י זאגט "מלמד שכינסם משה" איז משמע, אז משה מיט די אידן שבדור ההוא, וואלטן סיידוי געוואוסט דעם תכלית פון זייער כינוס. נאר "מלמד", ס׳איז א לימוד פאר אונז, אז מיר זאלן וויסן אז דאס וואס כינסם משה איז געווען "להכניסם בברית".

ג) נאך דעם וואס רש"י איז מפרש דעם אויבנדערמאנטן פירוש אויף "אתם נצבים היום", און זיין פירוש אויף נאך כמה פסוקים ביז "והוא יהי׳ לך לאלקים", זאגט ער: עד כאן פירשתי לפי פשוטו של מקרא. און דערנאך ברייינגט א מדרש אגדה אויף אתם נצבים היום, און דערנאך ברייינגט ער אויך א "דבר אחר".

איז אין דעם ניט מובן: (א) וואס איז אזוי שווער דער פסוק "אתם נצבים היום", ביז אז רש"י באנוגנט זיך ניט מיט איין פירוש און דארף ברייינגען אויף דעם דריי פירושים. און נאך מערער: רש"י אליין זאגט אז דער ערשטער פשט איז לפי פשוטו של פרשה, און דער צווייטער פשט איז בלויז א "מדרש אגדה", וואס "מדרש" איז ניט עניניו של פירוש רש"י עה"ת. איז פון דעם וואס רש"י ברייינגט דא א ענין של מדרש, מוז מען דאך זאגן, אז אויף אזוי פיל איז דא שווער דער ערשטער פשט, ביז אז מצד דעם מוז רש"י ברייינגען א מדרש, כאטש ס׳איז ניט לפי פשוטו של פרשה (און אויך דער צווייטער פשט איז ווייניק, ביז מען דארף ברייינגען אויך א דריטן פשט). דארף מען פארשטיין, וואס איז דא אזוי די שוועריקייט אין פסוק, ביז אז מען דארף האבן אויף דעם דריי פירושים? (ב) רש"י איז דאך מסודר ניט בלויז אין די ענינים וועלכע ער ברייינגט, נאר אויך אין דעם ארט וואו ער ברייינגט זיי. ולכאורה, וויבאלד אז אויך די אנדערע צוויי פירושים זיינען אויף אתם נצבים היום, האט ער זיי דאך געדארפט ברייינגען גלייך נאכן ערשטן פירוש, אויף דעם פסוק, און פארוואס איז דער סדר בפירוש רש"י אז פריער איז ער מפרש נאך כמה פסוקים, און ערשט דערנאך ברייינגט ער די אנדערע צוויי פירושים אויף אתם נצבים היום?

ו. איז דער ביאור אין דעם:

כאמור לעיל, אז דער אתם נצבים קומט בהמשך צו ויקרא משה אל כל ישראל (וואס אין דער פריערדיקע סדרה), וואס דאס מיינט אז משה האט גערופן און צוזאמענגעקליבן אלע אידן.

אין די הקהלת משה את ישראל, געפינט מען צוויי אופנים: א) ער האט צוזאמענגעקלי אלע אידן - צי א טייל פון אידן, אזוי ווי כהנים, דיינים - אויף איבערגעבן זיי א געוויסן ענין וואס ער האט זיי געדארפט איבערגעבן. ב) דער צוזאמענקלייבן די אידן איז געווען צוליב השראת השכינה, אזוי ווי "ויקרבו כל העדה ויעמדו לפני ה׳" און דערנאך "וירא כבוד ה׳ אל כל העם".

און דא ווערט א שאלה בפרשתנו צוליב וועלכן ענין האט משה גערופן און צוזאמענגעקליבן אלע אידן. צי דאס איז בכדי איבערצוגעבן זיי דעם ענין וועלכן ער האט זיי געוואלט זאגן, "אתם ראיתם גו׳ המסות הגדולות וגו׳", וואס לפי"ז איז דער מכוון פון דער הקהלה צוליב א ענין וואס צווישן אידן מיט משה׳ן, אדער דאס איז צוליב דעם "לעברך בברית הוי׳ אלקיך" - א ענין וואס צווישן אידן מיטן אויבערשטן.

וואס די צוויי אופנים, זיינען בריחוק מן הקצה אל הקצה. [illegible] כאטש טאקע אז שכינה מדברת מתוך גרונו של משה, איז דאך אפילו אז מען וועט זאגן אז די הקהלה איז געווען צוליב איבערגעבן זיי "אתם ראיתם גו'", איז דאך דאס אייך א ענין וואס דאס איז דברי ה', אעפ"כ, איז דאך דאס פארט א ענין וואס משה האט עס גערעדט, ובפרט נאך אז גאנץ משנה תורה איז משה מפי עצמו אמרה, עס איז מערניט ווי תוספות זאגט אז ס'איז געווען ברוח הקודש.

און אויף דעם זאגט רש"י "מלמד שכינסם משה כו' להכניסם בברית", אז דער כינוס וואס ער האט זיי צוזאמענקעקליבן איז געווען מלכתחילה אויף להכניסם בברית: ניט דער פשט אז מלכתחילה האט ער מכניס געווען אויף איבערגעבן זיי זיינע רייד, און דערנאך, איז דורך דעם וואס זיי האבן געהערט זיינע רייד, זיינען זיי נתעלה געווארן העכער, ובמילא איז שפעטער ארויסגעקומען דער "לעברך בברית", נאר דער כינוס מלכתחילה איז געווען צוליב "להכניסם בברית", און דאס וואס ער האט זיי געזאגט פריער "המסות הגדולות" איז מצד דעם וואס מען קען ניט שפרינגען מן הקצה אל הקצה, במילא האט דער "לעברך בברית" געדארפט האבן א הכנה, און די הכנה איז געווען שמיעת דברי משה. ס'איז אבער ניט קיין ענין וואס איז ארויסגעקומען שפעטער, נאר דאס איז געווען די כוונת הכינוס מלכתחילה.

ז. אלע ענינים פון פירוש רש"י עה"ת זיינען דאך מוכרח פון פשטות הכתובים, איז דער הכרח אויך דעם אז דער כינוס מלכתחילה איז געווען צוליב "לעברך בברית" (און ניט אז דער כינוס מלכתיחלה איז געווען צוליב איבערגעבן זיי וועגן "המסות הגדולות", און דער "לעברך בברית" איז געקומען שפעטער) איז עס פון די ווערטער "אתם נצבים היום", אויף וועלכע רש"י שטעלט זיך:

אויב מען וועט זאגן אז דער "לעברך בברית" איז געווארן שפעטער, זיינען דאך די ווערטער "אתם נצבים" איבגאנצן איבעריג. וויבאלד ער זאגט שוין פריער "ויקרא משה אל כל ישראל" וויס מען דאך שוין אז אלע אידן זיינען געשטאנען דא, איז וואס זאגט ער נאך אמאל "אתם נצבים"?

נאך מערער: וויבאלד אז דער כינוס איז געווען אויף איבערגעבן זיי "המסות הגדולות", אענין וואס צווים אידן מיט משה'ן, הייגט פארוואס שטייט דער "אתם נצבים" לעבן די ווערטער "לפני הוי'": דאס וואס זיי זיינען געווען נצבים כולכם, וואס זיי האבן זיך אלע צוזאמענגעקליבן איז דאך גאר פארבונדן מיט א ענין וואס זיי האבן געדארפט הערן פון משה'ן, ניט מיט "לפני הוי'"?

דערפון איז רש"י מכריח, שכינסם משה לפני הקב"ה כו' להכניסם בברית. אז דאס וואס עס שטייט "אתם נצבים" איז בכדי ללמד, מען זאל וויסן, אז דער כינסם איז געווען אויך לעברך בברית. וואס דאס מיינט אתם נצבים גו' לפני הוי', אז דער נצבים איז געווען צוליב לפני הוי'.

ח. דאס איז דאך א הכרח פון "אתם נצבים". פון דעם אבער וואס רש"י איז מעתיק אויך דעםווארט "היום", איז דאך א ראי' אז אויך דער ווארט איז נוגע לפירושו.

איז דער ביאור אין דעם: "היום" מיינט, ווי רש"י טייטשט דא אפ, "ביום מותו". און ווי ער איז מסיים אין פרשת וילך - וואס צווישן פרשת נצבים ביז וילך איז דאך ניטא נאך א דיבור, איז דאך מובן אז דאס קומט אלץ אין איין המשך - אז נאך דעם וואס משה האט מסיים געווען זאגן די אידן פרשת אתם נצבים, איז געווען דער "וילך משה וגו'", והסתלקותו.

איז אויב מען וועט זאגן, אז דער "ויקרא משה" איז געווען בכדי איבערגעבן זיי דעם ענין פון "המסות הגדולות וגו'", וואס דער בכן פון דעם איז "ושמרתם את דברי הברית הזאת וגו'", ווערט דאך די קשיא: פארוואס האט משה געווארט דער

דערמיט ביז יום הסתלקותו, ז׳ אדר, משנה תורה האט ער אנגעהויבן זאגן ר"ח שבט. איז בשעת עס האנדלט זיך וועגן מזרז זיין אידן אויף "ושמרתם את הברית הזאת וגו׳", איז וואס פאר א ארט האט עס, מען זאל ווארטן דערמיט פון ר"ח שבט ביז ז׳ אדר?

פון דעם איז מוכרח, אז דער תכלית פון דעם ויקרא משה איז געווען צוליב דעם "לעברך בברית", (און דברי משה המסות הגדולות זיינען געווען בלויז א הכנה צום ברית), וואס דערמיט איז פארשטאנדיק דאס וואס דער ויקרא משה איז געווען ערשט ביום הסתלקותו, כדלהלן.

מ׳האט שוין אמאל גערעדט, אז דער ברית שבפ׳ נצבים איז געווען אויף דעם זמן וואס אידן זיינען איבערגעגייענגען דעם אנדער זייט ירדן, לאחרי הסתלקותו של משה, (ווארום אויף פריער איז דאך שוין געווען איין מאל א ברית, ברית וואס מען האט געמאכט בחורב, און דער ברית שבפ׳ נצבים איז געווען אויף שפעטער). נאר אעפ"כ, איז אויך דער ברית האט געדארפט זיין דורך משה׳ן, מטעם וואס מען האט דעמאלט גערעדט.

ועפי"ז יובן דאס וואס דער ויקרא משה איז געווען ערשט ביום הסתלקותו, ווארום וויבאלד אז דער גאנצער ברית איז געווען צוליב שפעטער, לאחרי וואס מען וועט איבערגיין דעם ירדן, האט דאך ניט קיין ארט צו מאכן דעם ברית פריער, פאר יום הסתלקותו.

ועפי"ז יובן ג"כ וואס רש"י זאגט "מלמד שכינסם כו׳ ביום מותו להכניסם בברית". ולכאורה, זיינען די ווערטער "ביום מותו" איבעריק: דא איז דאך רש"י ניט אויסן צו זאגן ווען ס׳איז געווען דער אתם נצבים, ער איז דא בלויז אויסן צו זאגן דעם תכלית פון דעם אתם נצבים, היינט נאך וואס זאגט ער "ביום מותו"? ועפ"י הנ"ל יובן, ווײַלע דער "היום - ביום מותו" איז נאך א הכרח "שכינסם משה כו׳ להכניסם בברית".

ט. כאמור כמה פעמים, אז דורך פירושו של רש"י ווערן א סאך מאל פארענטפערט אויך זייטיקע קשיות.

צווישן די קשיות אין פרשת אתם נצבים, וועלכע עס ווערן פארענטפערט דורך פירושו של רש"י, זיינען:

א) צווישן די אידן וועלכע משה האט צוזאמענגעקליבן, רעכנט אויס דער פסוק אויך "טפכם". ווערט דאך די קשיא, צוליב וואס האט משה גערופן די טף? מען געפינט ניט אין ערגעץ, אז בשעת מען האט געדארפט איבערגעבן א ענין צו אידן, זאל מען צוזאמענרופן אויך טף?

ווייטער, ביי מצות הקהל, וואו עס שטייט אז מען דארף צוזאמענקלייבן אויך טף, שטעלט זיך רש"י אפ אויף דעם און ער איז מפרש "למה באו - לתת שכר למביאיהם". אז דורך דעם וואס מען האט געבראכט דעם טף לבית המקדש, האבן באקומען שכר די וועך עס האט זיי געבראכט. דא אבער איז דער טעם ניט שייך, ווארום דא רעדט זיך ניט וועגן ברײנגען לביהמ"ק, למקום רחוק, נאר מען האט געדארפט קומען צו משה׳ן, וואס דאס איז געווען בקירוב מקום, איז דאך דא ניט שייך דער טעם. און וואס נאך מערער - רש"י שטעלט זיך גארניט אפ אויף צו מבאר זיין צוליב וואס מען האט געבראכט אויך "טפכם".

ועפ"י הנ"ל יובן: ווען דער ויקרא משה וואלט געווען בכדי איבערגעבן צו אידן דעם ענין פון "המסות הגדולות וגו׳", וואס דער בכן איז "ושמרתם את דברי הברית", האט טאקע ניט קיין ארט, מען זאל רופן אויך טף, ווארום טף זיינען ניט מחוייב במצות, און אזוי ווי מען האט ניט גערופן טף ביי אלע ענינים וואס משה

האט איבערגעגעבן צו אידן. וויבאלד אבער אז דער ויקרא משה איז געווען צוליב דעם "לעברך בברית", איז מובן וואס מען האט גערופן אויך טף, וויילע אין דעם ענין הברית וואס צווישן אידן מיטן אויבערשטן זיינען שייך אלע אידן, וויילע ברית איז דאך למעלה מהשגה. און ווי מען זעט עס ביי ברית מילה, אז מיט וועמען מאכט מען דעם ברית - מיט א קינד וואס איז אלט איינגאנצן בלויז אכט טעג. וויילע ענין הברית איז מצד העצם שלמעלה מהשגה.

ב) דער דין ביי א שבועה איז - אפילו ביי א שבועה פון א איש פרטי בנוגע א ענין פרטי - אז מען מאכט פריער כמה דברי איומים בכדי ער זאל אנהערן דעם חומר השבועה. היינט אויב ביי א שבועה פון א איש פרטי בנוגע א ענין פרטי איז אזוי, היינט דא וואס עס איז געווען דער "לעברך בברית גו' ובאלתו" שבועה פון כלל ישראל אויף כללות התורה ומצותי', דארף דאך א ודאי זיין אזוי. היינט ווי קומט עס אז די גאנצע שבועה האט מען געמאכט דרך אגב: מען האט זיי צונויפגערופן גאר אויף א אנדער ענין - אויף איבערגעבן זיי וועגן המסות הגדולות - און דרך אגב האט מען געמאכט א שבועה?

לפירוש רש"י אבער איז עס קיין קשיא ניט. די שבועה איז ניט געקומען דרך אגב, נאר דאס איז געווען מטרת הכינוס מלכתחילה, כנ"ל. און דאס איז אויך וואס רש"י קווטשט "מלמד שכינסם משה" וואס דאס מיינט, אז דער לימוד איז נאר פאר אונז, אבער משה וישראל שבדור ההוא האבן גלייך געוואוסט מטרת הכינוס (אז משה האט דאך א ודאי געוואוסט צוליב וואס ער רופט זיי, און אויך די אידן די האבן מרגיש געווען מאופן קריאתו אז די קריאה איז פארבונדן מיט לפני הוי') וואס במילא איז ביי זיי די שבועה ניט געקומען בדרך אגב, נאר זיי זיינען געגאנגען לכתחילה אויף דעם.

יו"ד. לאחרי כל זה, בלייבט נאך אבער שווער דער לשון "נצבים": ברוב המקומות שבתורה, נוצט מען ניט דעם לשון "נצבים" נאר דעם לשון עומדים. איז דאך ניט מובן, פארוואס שטייט עפעס דא דער לשון "נצבים"? די קשיא ווערט נאך שטארקער: אין דער זעלבער פרשה גופא זאגט ער ווייטער דעם לשון "את אשר ישנו פה עמנו <u>עומד</u> היום", היינט פארוואס זאגט ער פריער דעם לשון "נצבים" און דערנאך "עומד"?

די קשיא אויפן לשון "נצבים" איז ניט בלויז מצד שינוי הלשון, (וואס אומעטום און אויך אין דער פרשה גופא שטייט עומדים און דא שטייט נצבים), נאר אויך מצד דעם <u>תוכן</u> הענין: דער חילוק פון "עומדים" ביז "נצבים" איז, **אז** "עומדים" מיינט סתם געשטאנען, און "נצבים" מיינט ווי רש"י טייטשט אפ דעם ווארט "נצבים" וואס עס שטייט ביי דתן ואבירם - "נצבים - בקומה זקופה".

וואס דערמיט איז אויך מובן וואס עס שטייט "והנה שלשה אנשים <u>נצבים</u> עליו", ווארום וויבאלד אז דארטן רעדט זיך וועגן מלאכים, וואס זייער מציאות איז א מציאות חשובה, ובפרט נאך אז דארטן רעדט זיך וועגן די מלאכים ווי זיי זיינען געווען בשליחותו של הקב"ה, וואס דאן איז ווי דער אלטער רבי זאגט אין תניא אז זיי זיינען ניט קיין מציאות לעצמם נאר זייער מציאות איז אלקות, דעריבער זאגט ער דעם לשון נצבים, וואס דאס ווייזט אויף חשיבות.

וואס עפ"ז פארשטארקט זיך די קשיא, וואס דא שטייט אתם נצבים? אפילו ווען מען וואלט געלערנט אז דער נצבים איז געווען צוליב הערן דברי משה, דארף דאך דאס אויך געטאן ווערן בביטול. ובפרט לפירוש רש"י אז דער נצבים איז אויף לעברך בברית, לפני הוי', דארף עס דאך א ודאי זיין בתכלית הביטול (כמובן פון <u>פשטות</u> הענינים. וכמבואר אויך אין לקו"ת אויף אתם נצבים יום כולכם, אז די התכללות פון "כולכם" איז מצד תכלית הביטול), היפך פון "נצבים - בקומה זקופה"?

מצד דעם מוז רש"י ברייגגען נאך א פירוש אויף אתם נצבים, כאטש אז דער פירוש איז (ווי רש"י אליין זאגט) א ענין של מדרש, ניט לפי פשוטו של פרשה, בכדי צו פארענטפערן דעם לשון "נצבים" וואס עס קווטשט אין פשוטו של מקרא.

יא. דער צווייטער פירוש וואס רש"י ברייננגט איז אז פרשת אתם נצבים קומט בהמשך צו די קללות, אז מצד דעם וואס אידן האבן זיך דערשראקן האט זיי משה מסיים געווען זאגנדיק זיי "אתם נצבים היום - הרי אתם קיימים לפניו". אז ניט קוקנדיק אויף די תוכחה און אויף דעם שהכעיסו, פונדעסטוועגן זיינען זיי נצבים. וואס עפי"ז איז מובן וואס עס שטייט דער לשון "נצבים", ניט עומדים, ווייל משה האט געוואלט דערמיט אויסדריקן אז ניט קוקנדיק אויף די תוכחה זיינען זיי ניט סתם עומדים נאר נצבים בקומה זקופה.

וואס לפי"ז, דארף מען לערנען אז אויך וואס עס שטייט פריער "אתם ראיתם גו' המסות הגדולות" (וואס ווי געזאגט פריער אז דער אתם נצבים קומט בהמשך צו אתם ראיתם גו') איז דברי פיוסים. וואס צו-ערשט האט זיי משה מפייס געווען זאגנדיק זיי וועגן די ניסים וואס דער אויבערשטער האט מיט זיי געטאן, און דערנאך - דער פיוס פון אתם נצבים.

כמובן אבער אז דער פירוש איז בלויז א ענין של מדרש און ניט לפי פשוטו של פרשה. ווארום ווי געזאגט פריער איז פון לשון אתם נצבים גו' לעברך בברית מובן אז דער אתם נצבים, דאס וואס משה האט זיי צוזאמענגעקליבן איז געווען בכדי "להכניסם בברית", און ניט אויף איבערגעבן זיי דברי פיוס.

יב. עפי"ז וועט מען אויך פארשטיין, וואס רש"י ברייננגט דעם צווייטן פירוש נאך זיין פירוש אויף "והוא יהי' לך לאלקים", ווייל לויט דעם פירוש, בייט זיך דער פשט אין די אלע פסוקים, פון אתם נצבים ביז והוא יהי' לך לאלקים. וואס לויטן ערשטן פשט איז עס פארשטאנדיק כפשוטו, אז דא רעדט זיך וועגן דעם ברית וואס דער אויבערשטער האט כורת געווען מיט אידן בכדי עס זאל זיין דער "הקים אותך היום לו לעם והוא יהי' לך לאלקים", משא"כ לויטן פירוש המדרש, אז משה האט גאר גערעדט מיט זיי דברי פיוס, מוז מען דאך לערנען דעם פשט אין די אלע פסוקים באופן אחר.

און ניט בלויז די ווערטער וואס פון "לעברך בברית" און ווייטער, דארף מען לערנען באופן אחר, נאר גלייך דער ערשטער ווארט וואס נאך "אתם נצבים", דעם ווארט "היום", מוז מען שוין לערנען באופן אחר.

לויטן ערשטן פשט מיינט "היום" "ביום מותו", לויטן פירוש המדרש אבער אז דאס קומט בהמשך צו די תוכחה, און אז דער ויקרא משה איז געווען בסמיכות צו די תוכחה (ווארום ס'איז דאך מובן, אז די דברי פיוס זיינען געווען גלייך נאך די תוכחה, משה וועט דאך ניט לאזן אז אידן זאלן זיין א שטיקן צייט אראפגעפאלן ביי זיך), קען מען ניט לערנען אז דאס איז געווען ביום מותו.

ווארום אעפ"י אז עס שטייט ניט אין תורה בפירוש ווען די תוכחה איז געזאגט געווארן, איז אבער מסתבר, אז די איז געזאגט געווארן פריער, ווייל (א) וויבאלד אז די כוונת התוכחה איז געווען אויך לזרזם בתומ"צ, האט דאך ניט קיין ארט, ער זאל עס אפלייגן ביז צו יום מותו. ובפרט נאך אז די תוכחה איז געקומען בהמשך צום ציווי פון אלה יעמדו לברך גו' אל הר הגריזים ועל הר עיבל, איז דאך זיכער אז משה וועט ניט אפלייגן אויף איבערגעבן זיי א מצוה ביז יום מותו. (ב) מובן בפשטות, אז ביום מותו של משה, ווען משה האט זיך געשיידט מיט אידן, וועט ער ניט אויסנוצן די צייט אויף ריידן מיט זיי ענינים של תוכחה, אדרבה, דאס וואס משה האט געטאן לפני מותו איז ווי ער זאגט אין פסוק "וזאת הברכה אשר ברך משה גו' את בני ישראל לפני מותו".

און וויבאלד אז די תוכחה איז געווען פריער, מוז מען דאך זאגן, אז אויך דער אתם נצבים, וואס דאס איז געווען דברי סיום ובסמיכות להתוכחה כנ"ל, איז אויך געווען פריער, ניט ביום מותו.

דעריבער מוז רש"י מפרש זיין אויך דעם "היום", אז "היום" מיינט ניט "הייגט" נאר "כהיום הזה שהוא קיים והוא מאפיל ומאיר".

אבער דער פירוש אז "היום" מיינט ניט "היינט" נאר "כיום הזה כו'", און אויך דער פירוש אז "לעברך בברית"וגו'" וואס מען מוז זיי טייטשן באופן אחר כנ"ל, איז עס ניט לפי פשטות הכתובים, נאר א ענין של מדרש.

יג. נוסף להנ"ל, אז פון לשון "לעברך בברית" איז מוכח אז דער כינוס איז געווען צוליב דעם ברית (און אויך די שוועריקייט אין פירוש פון "היום"), איז דא פאראן נאך שוועריקייטן, וואס מצד דעם איז רש"י מוכרח צו ברענגען א דריטן פשט, וואס כאטש אז אויך דער פשט איז ניט לפי פשוטו של מקרא (ווארום אויך לויט דעם פשט איז שווער דער "לעברך בברית", כדלהלן), האט אבער דער פשט א מעלה אויפן צווייטן, וואס כמה קושיות וואס לויטן צווייטן פשט זיינען זיי שווער, און לויטן דריטן פשט זיינען זיי גלאטיק.

די שוועריקייטן וואס זיינען דא לויטן צווייטן פשט:

א) וואס עס שטייט "טפכם", צוליב וואס האט מען צונויפגעקליבן אויך די טף: וויבאלד אז דער כינוס איז געווען אויף זאגן די אידן דברי פיוס, האט עס דאך ניט קיין שייכות צו טף, ווייל'ע טף איז ניט זיי פילן די יסורים און ניט זיי זיינען שייך צו דברי פיוס?

ב) וויבאלד אז דער "אתם נצבים" איז דברי פיוס אויף די תוכחה, האט דאך דאס געדארפט שטיין גלייך נאך די תוכחה, און פארוואס האט משה אנגעהייבן זיינע רייד מיט "אתם ראיתם גו' המסות הגדולות גו'"? אמת טאקע, אז אויך דער "המסות הגדולות" זיינען דברי פיוס כנ"ל, איז דאך אבער ניט אין דעם באשטייט דער עיקר הפיוס: עיקר הפיוס איז דאך אז אעפ"י אז הרבה הכעסתם פונדעסטוועגן "אתם קיימים לפניו", וואס דאס איז דער היפך פון דעם וואס זיי האבן זיך געשראקן מצד די תוכחה. און דער "אתם ראיתם גו'" איז בלויז א הוספה צום פיוס, אז נוסף אויף דעם וואס זיי זיינען קיימים, ווייזט זיי דער אויבערשטער אויך ניסים. דארף ער דאך אנהייבן מיטן עיקר און ניט מיט א טפל?

דעריבער ברענגט רש"י א דריטן פשט, "לפי שהיו ישראל יוצאין מפרנס לפרנס ממשה ליהושע, לפיכך עשה אותם מצבה כדי לזרזם". וואס אויך לויט דעם פירוש איז מיושב דער לשון "נצבים", ווייל עס ווייזט אויף א לשון של זירוז, און ווי מען געפינט אויך דעם לשון "התייצבו ואשפטה אתכם", וואס רש"י ברענגט אראפ בפירושו.

און לויט דעם פשט, גייען אראפ אויך די שוועריקייטן וואס זיינען דא אויפן צווייטן פשט:

דאס וואס עס שטייט "היום" מיינט טאקע היום כפשוטו, היינט, אז דאס איז געווען ביום מותו. ווארום דער גאנצער ענין איז דאך פארבונדן מיט דעם וואס די אידן זיינען איבערגעגייענגען פון משה'ן צו יהושע'ן.

דאס וואס מען האט צונויפגעקליבן אויך טף איז ווייל'ע ענין המלוכה איז דאך אויף אלעמען, אויך אויף טף, איז במילא האבן דאך אלע, אויך די טף, געדארפט איבערגיין פון מלכותו של משה צו יהושע.

דאס וואס משה האט געזאגט פריער אתם ראיתם גו' און דערנאך אתם נצבים ווייל'ע וויבאלד אז דער אתם נצבים איז געווען פארבונדן מיט איבערגעבן זיי צו יהושע'ן, האט עס דאך געדארפט זיין די לעצטע זאך, סמוך להסתלקותו של משה, ווען זיי גייען איבער צו יהושע'ן.

יד. דער דריטער פשט אליין אבער איז אויך ווייניק און מען מוז אנקומען צו פריערדיקע צוויי פירושים. ווייל'ע - נוסף אויף דעם וואס אז אויך לויט דעם פשט איז שווער דער לשון "אתם נצבים גו' לעברך בברית", וואס פון דעם לשון איז מוכח אז דער אתם נצבים איז צוליב דעם לעברך בברית כנ"ל, וואס מצד דעם איז מוכרח צו לערנען ווי דער ערשטער פשט, וואס דוקא דער פשט איז לפי פשוטו של

פרשה, משא"כ דער צווייטער און דריטער פשט זיינען ביידע בלויז א ענין של דרש, ווארום עס שטימט ניט מיטן לעברך בברית. איז אויך צווישן צווייטן פשט און דריטן פשט גופא (וואס ביידע זיינען א ענין של דרוש) איז דא א שוועריקייט אין דריטן פשט וואס לויטן צווייטן פשט איז עס גלאטיק.

לויטן דריטן פשט אז דאס איז פארבונדן מיט דעם איבערגאנג פון משה צו יהושע, האט דאך דער אתם נצבים געדארפט שטיין נאך פרשת וילך, וואו עס ווערט דערציילט אז "ויקרא משה ליהושע ויאמר אליו גו' כי אתה תבוא את העם הזה", און פארוואס שטייט עס פריער?

בשלמא לויטן ערשטן פשט, אז דער "היום - ביום מותו" איז מצד דעם וואס דער ברית איז געווען לאחרי וואס זיי וועלן איבערגיין דעם ירדן, איז כאטש טאקע אז דאס איז פארבונדן מיט א זמן שלאחרי הסתלקות משה, מוז דאך אבער ניט זיין דער ברית סמוך להסתלקותו ממש, ואדרבה, וויבאלד אז דער ברית האט געדארפט זיין דורך משה'ן דוקא כנ"ל, האט עס געקענט זיין אויך פריער, און ס'איז מספיק אז ס'איז געווען ביום מותו. משא"כ לויטן דריטן פשט אז דער אתם נצבים איז פארבונדן מיט זייער איבערגיין צו יהושע'ן, האט עס דאך געדארפט זיין סמוך להסתלקותו ממש, ווען ער האט זיי איבערגעגעבן צו יהושע?

דעריבער ברייגנט רש"י אויך דעם צווייטן פשט, אז דער אתם נצבים איז דברי פיוס אויף די תוכחה, וואס לפי"ז איז מובן בפשיטות וואס עס שטייט פריער, ווייל עס קומט בהמשך צו די תוכחה.

און דעריבער ברייגנט רש"י אלע דריי פירושים, דער עיקר החידוש איז דער ערשטער פשט, וואס ער איז לפי פשוטו של פרשה. ווארום פון פשטות הכתובים קומט אויס אז דער אתם נצבים איז צוליב דעם לעברך בברית. נאר אזוי ווי ס'איז דאך שווער דער לשון "נצבים", וואס דאס איז א קשיא אין פשוטו של מקרא, דעריבער איז מוכרח (אין פשטות הכתובים) צו זאגן, אז מיטן לשון "נצבים" איז ער מרמז נאך א ענין - א ענין של דרש. און אויף דעם ברייגנט רש"י צווי פירושים, וואס דער פסוק מיינט צו מרמז זיין מיטן לשון "נצבים". און מצד דעם וואס אין יעדערן פון זיי איז פאראן א מעלה כנ"ל, דעריבער ברייגנט רש"י ביידע פירושים.

טו. ווי גערעדט שוין אמאל, אז אלע פירושים וואס זיינען דא אין איין פסוק, זיינען זיי פארבונדן צווישן זיך. די ראי' אויף דעם איז פון דעם וואס די גמרא זאגט וועגן שעטנז, אז וויבאלד שוע טווי ונוז שטייען אין איין ווארט (אין דעם ווארט שעטנז), איז דער איסור פון שעטנז דוקא ווען ס'איז שוע טווי ונוז צוזאמען.

וואס אזוי איז אויך מובן בנוגע די דריי פירושים פון רש"י אויף "אתם נצבים":

דער ערשטער פירוש איז אז דער אתם נצבים איז להכניסם בברית, אז אידן זאלן זיין פארבונדן מיטן אויבערשטן, לפני הוי', וואס דאס איז דער תכלית כל הענינים, אז אידן ווערן איין זאך מיטן אויבערשטן. אידן טענה'ן אבער, אז ס'איז ווייניק דער ברית, דער עצמיות'דיקער פארבונד מיטן אויבערשטן, מען דארף האבן אז דאס זאל זיין אויך בגילוי און ניט נאר ברוחניות נאר אויך בגשמיות, אז דער אויבערשטער זאל זיין געבן טוב בגשמיות, בטוב הנראה והנגלה.

- וואס אזוי ווי דער אויבערשטער מאנט ביי אידן, עס זאל זיין קיום המצות מעשיות בגשמיות דוקא. אז לאחרי כל ההשגות וכו' איז המעשה הוא העיקר, מעשה בגשמיות, אזוי מאנען אויך אידן פון אויבערשטן, אז די השפעה שלמעלה דארף אראפקומען בגשמיות בטוב הנראה והנגלה -

אויף דעם איז דא דער צווייטער פשט, אז דער אתם נצבים איז געווען א ענין וואס אידן האבן זיך צוזאמענגעקליבן הערן דברי פיוס פון משה'ן, וואס משה איז דער ממוצע המחבר אידן מיטן אויבערשטן, איז ער טוט אויף, אז דער ברית, די התקשרות

עצמית, זאל קומען בגילוי. און פועלט אויך אלע השפעות, אז זיי זאלן קומען אויך בגשמיות, ביז אז משה מאכט איבער אפילו פון דברי תוכחה עס זאל זיין "נצבים וקיימים", נצבים בקומה זקופה, כיום שמאיר.

טענה'ן אבער אידן, אז זיי ווילן אים זעהן בעיני בשר, אויף דעם קומט דער דריטער פשט, אז דער אתם נצבים איז פארבונדן מיט די איבערגאנג פון אידן פון משה צו יהושע, אז בכל דור ודור איז פאראן דער שופט שבימים ההם. וואס באמת, איז ווי גערעדט שוין כמה פעמים בנוגע נשיאי ישראל, אז אין דעם איז קיין נ"מ ניטא, ס'איז אלץ די זעלבע זאך.

איז די נשיאי ישראל שבכל דור ודור, וואס דאס איז דער אתפשטותא דמשה, פארבינדן אידן מיטן לפני הוי', וואס ער איז דער עצם הטוב, וואס עצם הטוב איז דאך כולל אין זיך כל מיני טוב, אויך טוב גשמי, איז פון עם קומען אלע השפעות צו אידן בכל מיני טוב, אויך טוב בגשמיות, בשנה טובה ומתוקה, לכל אחד ואחת מישראל, בכל המצטרך, בבני חיי ומזוני רויחי.